בעזהשי"ת

# זעקת מוסדותינו

**א קורצע איבערבליק**
**אויף די שאקירענדע שטרויכלונגען און געלט שאדנ'ס**
**וואס הנהלת מוסדותינו הק' אין בני ברק**
**גייען דורך צוליב די כת הולכים לערכאות הציוני**

ער"ח סיון תשע"ב לפ"ק

# דבר מוסדותינו

**אין** די דאזיגע טעג ווען אנשי שלומינו אחים לדעה אין וויליאמסבורג נעמען זיך צונויף מיט אַ ערנסקייט בנפש חפיצה וברוח נדיבה צו שטיצן און העלפן אונזערע הייליגע מוסדות דאהי אין ארה"ק, יעדער איינער גלייבט ביי זיך אין טיפן הארצן אז דערמיט פארשאפט מען אַ נחת רוח פאר רביה"ק זי"ע וועלכער האט זיך מוסר נפש צו גרינדן און אויפבויען מיט זיינע צעהן פינגער די הייליגע ריינע ווינקל אין די שטאט בני ברק, פאר יעדן לויפט אריבער פאר די אויגן און עס קלינגט נאך אין די אויערן דעם הייליגן קול ה' בכח פון רבינו הק' ווען ער פלעגט זיך בעטן ביים ציבור אנ"ש מ'זאל שטיצן מיט אַ ברייטע הארץ די עקזיסטענץ פון די מוסדות, יעדער פיהלט ווי דער רבי אליין שטייט און בעט זיך ביי איהם "חסתי על עמלי שלא יהא יגיעי לריק", קיינער קען אויך נישט פארגעסן וויאזוי רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע פלעגט שטענדיג מעורר זיין און אויפפאדערן דעם ציבור מ'זאל זיך באשטייערן מיט אַ נדבת הלב צו שטיצן די מוסדות און ווער עס האט נאר אַ געפיהל צום פעטער זכרונו לברכה זאל העלפן די מיה און פלאג וואס ער האט מייסד געווען.

**מי לכם פה ומה לכם פה ??? לכבוד רבותינו הק' זי"ע !.**

**דעריבער** היינטיגן טאג ווען כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז ווייטער מעורר דעם ציבור און אלע זענען 'נאספים על פי דיבורו', איז דאך דא אַ פאסיגע געלעגנהייט אייך צו באקאנט מאכן נישט נאר מיט די שיינע בליה און וואוקס פון אונזער מוסדות, נאר אויך מיט די גרויסע שוועריגקייטן וואס אונז גייט מיר דורך אין די לעצטערע יארן פון די וועלכע האבן ליידער אויסגערופן אַ מלחמת חרמה אנטקעגן אונזער מוסדות און זיי האלטן זיך נישט צוריק דערצו פון די נידעריגסטע פעולות אכזריות באגלייט מיט רשעות'דיגע מסירות ומלשינות, אזוי די כלל לויטעט אז וויפיל די כח הקדושה איז מוסיף והולך און ווי מער מ'איז משקיע אין די חינוך התשב"ר במעלות התורה והיראה, אלס מער שטייט דער שטן אנטקעגן און זיכט נאך פעולות שווער צו מאכן און שטערן די הצלחה וועלכע איז גירא בעינא דשיטנא.

**אבער** ב"ה אז די אור אלטע הבטחה פון 'כאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ' איז קאי וקיימא עס ווערט קיינמאל נישט בטל, און טראץ וואס די רשעים מיט זייער שלעכטע אויג זיצן נישט אין קיין איין טאג און זוכן צו טהון אלע בייזע מיטלען אונז צו אנלייגן שטרויכלונגען אויף יעדן טריט און שריט, זענען זיי אבער נישט בכח אונז אפצושטעלן פון אנגיין מיט די עבודת הקודש צו הייבן די מבצרי התורה און מערכות החינוך אינערהאלב מוסדותינו הק', אבער וואס עס איז ליידער צום באדויערן, אז אויסער די אלע עגמת הנפש און קאפ ווייטאג, זענען זיי לײדער אונז גורם ריזיגע הפסד ממון מדי חודש בחודשו, אזוי אונז ווען מיר אייך שילדערן אין קורצן אינעם דאזיגן ארטיקל.

**מיר** זענען זיכער אז אין זכות פון ענקער שטיצע פאר אונזערע מוסדות און דערהערן אונזער ווײ געשריי, וועט איהר זוכה זיין צו די הבטחת חז"ל 'המשתתף בצערן של ציבור זוכה ורואה בנחמתן', און אונז וועלן מיר אינאיינעם זוכה זיין צו קומען אל המנוחה ואל הנחלה, און נאך לאנגע יארן אויפשטעלן אַ לגיון של מלך דורות יראים ושלימים לה' ולתורתו אויפן הייליגן וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבותיה"ק נ"ע, ביז מיר וועלן האבן די זכיה אז כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט אונז פירן באנפין נהירין אנטקעגן משיח צדקינו, בב"א.

מיט כבוד און שעצונג

**הנהלת מוסדות סאטמאר**

קרית יואל - בני ברק

# די תביעה אין ערכאות הציונים און די חוצפה אנטקעגן הוראות הרבנים

## קורצע איבערבליק

צום ערשט וועלן מיר אין קורצן איבערגיין די שוידערליכע חילול ה' און תביעה אין די ציוניסטישן געריכט דורך די שליחים לדבר עבירה פון די טרויעריג באריכמטע כת מוסרים והולכים לערכאות.

ווי באקאנט האבן זיי - אלס ערשטע טריט זיך צו משתלט זיין אויף די נכסים פון אונזער הייליגע מוסדות – ארייגעגעבן אין די אפיס-און-קאפארעישן'ס (רשם החברות) פאלטשע דאקומענטן מיט שריפטן און חתימות און אזוי ארום האבן זיי גענצליך איבערגעשריבן בגניבה זייער בעלות אויף די חברה שיכון קרית יואל, הנהלת מוסדותינו האבן דאן ארייגעשיקט אַ בריוו צום אפיס אז די איבערשרייבונגען מיט אלע נייע דאקומענטן אנבאלאנגט צום חברה שיכון קרית יואל זענען פאלטש, די אפיס האט דאן איינגעפרירט די חברה שיכון קרית יואל ביז זיי וועלן באקומען אַ געריכטליכע באשלוס איבער די בעלות.

דאן האבן זיי געטהון דאס אומגלויבליכע חילול ש"ש און זיי האבן זיך בשאט נפש געוואנדן צום בית המשפט **[זעה בייגעלייגט דאקומענטן נומ. 1]**, זיי האבן פארלאנגט פונעם געריכט אַ צו מניעה (סטעי) אויף הנהלת מוסדותינו איבער די חברה שיכון קרית יואל, און גלייכצייטיג זאל די געריכט ערקלערן ווער עס האט די בעלות איבער די שיכון, עס מוז דערמאנט ווערן אז די תביעה איז געווען אן קיין מינדעסטע היתר בי"ד אדער הזמנה לבי"ד פון פריער.

ווי יעדער געדענקט איז דעמאלט'ס פארשאפן געווארן אַ גרויסע טומל ווען די רבנים פון די שטאט בני ברק האבן זיך געוואנדן צו די שליחי הכת מיט אַ אויפפאדערונג זיי זאלן זאפארט ארויסציען די תביעות פון די בית המשפט, נאך מערערע בריוון און אזהרות בי"ד וואס זיי האבן אלעס אפגעלאכט מיט נארישע תירוצים, האבן די בד"ץ העדה החרדית זיך צוזאמגעזעצט און זיי אויפגעפאדערט זיך שוין ארויסצוציען פון געריכט און אנשטאט דעם לייגן זיי ארויף זייער עיקול ביז מ'וועט קומען צו אַ עמק השוה איבער אַ בי"ד המרוצה לשני הצדדים, אבער די תובעים בערכאות האבן זיך אויך אויף זיי אויסגעלאכט און האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די קעיס.

אויך נאך וואס דער גאב"ד ירושלים שליט"א האט זיך פערזענליך געוואנדן בכתב צו זייער שליח אז ער מוז שוין ארויסציען זיין תביעה פון געריכט **[זעה בייגעלייגט דאקומענט נומ. 2]**, האט דאס אויך גארנישט געהאלפן צו ברעכן לבבם הערל, און די געריכט האט טאקע צוליב זייער פארלאנג ארויפגעלייגט אַ סטעי אויף הנהלת מוסדותינו אז זיי טארן נישט אונטערשרייבן אדער טוהן פעולות אין די חברה שיכון קרית יואל.

## שאקירענד: זיי זענען נאך היינט אין די ציוניסטיש'ן קארט

עס מוז באטאנט ווערן קלאר און דייטליך אז עד היום הזה האבן די צד התובעים בערכאות נאך אלס נישט אויסגעפאלגט די הוראות הרבנים שליט"א און זיי האבן ליידער נישט ארויסגעצויגן זייער תביעה פון געריכט און די עיקול פונעם בית המשפט גייט ווייטער אן, (נאר די אנגייענדע קעיס זעלבסט, איז צייטווייליג איינגעפרירט געווארן אדאנק די פארלאנג פון הנהלת מוסדותינו אז מ'האלט אינמיטן אַ בוררות) דאס מיינט צו זאגן אז ביזן היינטיגן טאג ליגט נאך די קעיס אפען אין בית המשפט רח"ל [יעדער קען זיך דאס אליין איבערצייגן אריבליקנדיג ביים בית המשפט (מחלקת התביעות) אין קעיס נומ. 72510\05].

## די הוראת הבד"ץ ללעג ולקלס

און אויב איז דאס נישט גענוג, איז אפילו אצינד ווען ס'איז געלונגען נאך עטליכע יאהר ארופצווינגען אויף זיי אַ בוררות, לאכן זיי זיך נאך אלס אויס אויף די הוראת הבד"ץ און אויף זייער עיקול וואס זיי האבן ארויפגעלייגט נישט צו מאכן קיין שום שינויים אין די חברה שיכון קרית יואל, אויף אזוי ווייט גייט אן זייער חוצפה און עזות אז שוין אינמיטן די סאמע זיצונגען פון די בוררות האבן זיי זיך געוואנדן צום אפיס-און-קאפארעישנ'ס איינצוגעבן פרישע שינויים איבער די חברה, און זייער לויער י. מירון האט אן קיין בושה ערקלערט בכתב פאר די פארוואלטונג פונעם אפיס אז די אויבנדערמאנטע הוראת הבד"ץ - וועלכע באגרעניצטביידע זייטן פון טוהן שינויים – מאכט במילא נישט אויס פאר זייער זייט **[זעה בייגעלייגט דאקומענט נומ. 3]**.

#1

בית משפט מחוזי תל אביב-יפו
הפ 678/06
שכון קרית יואל ב. וייס חיים מש
ת.פתיחה:30/05/06 סדר דין: רגיל
מספר תיק חדש: הפ 72510-05/06

**בבית המשפט המחוזי**
**בתל-אביב**

**המבקשת:** **שכון קרית יואל בע"מ ח.פ. 51-015303-42.**

ע"י ב"כ עוה"ד י.א. קנטור, י. מירון,
מ. רז, י. ריזנברג, צ. קורץ, ע. זמיר,
ס. קנטור, י. פוקס, ד. עבאדי, א. סקורניק,
ו. ראודור, מ. מירון ו—ד. קרבר

מרח' מונטיפיורי 33 תל – אביב
טל: 03-5606868 פקס: 03-5604466

**- נ ג ד -**

**המשיב:** .1 **משה חיים וייס**

ע"י באי כוחו ממשרד עוה"ד מ. שוב ושות'
מרח' ויצמן 2, תל אביב
טל: 03-6932000, פקס 03-6932001

**משיב פורמלי** .2 **רשם החברות**
מרח' יפו 97, ירושלים

**מהות התובענה:** פסק דין הצהרתי.

## המרצת פתיחה

**בית המשפט הנכבד מתבקש בזאת ליתן פסק דין הצהרתי כדלקמן:**

**(א) להורות למשיב 2 שלא לשנות את מרשם החברה ברשם ככל הנוגע לבעלי המניות בחברה, מנהלי החברה, וזאת בהתייחס לעבר (עד ליום הגשת בקשה זו).**

**(ב) כי על פי תקנון המבקשת ועל פי החלטות המוסדות המוסמכים בחברה ועל פי כל דין, בעלי המניות במבקשת ומנהלי המבקשת הינם כדלקמן:**

**בעלי המניות בחברה:**

**הרב פרידמן משה - בעל 2 מניות רגילות.**
**הרב זלמן לייב טיטלבוים - בעל 1 מניות בכורה א'.**
**וייס שמעון - בעל 166 מניות בכורה ב'.**
**הרמן גליק - בעל 158 מניות בכורה ב'.**

עו"ד משה שו...
- 4 -06- 2006
...קבל

**בית המשפט המחוזי**
**תל-אביב**

**המבקשת:** **שכון קרית יואל בע"מ**

ע"י ב"כ עוה"ד י.א. קנטור,
מ. רז, י. ריזנברג, צ. קורץ,
ס. קנטור, י. פוקס, ד. עבא...
ו. ראודור, מ. מירון ו—ד. ...

מרח' מונטיפיורי 33 תל – א...
טל: 03-5606868 פקס: ...65

- נ ג ד -

**משיב:** 1. משה חיים וייס

ע"י באי כוחו ממשרד עוה"...
מרח' ויצמן 2, תל אביב
טל: 03-6932000, פקס ...001

משיב פורמלי 2. רשם החברות
מרח יפו 97, ירושלים

## בקשה לצו מניעה זמני במעמד צד אחד

...ית המשפט הנכבד מתבקש בזאת ליתן צו מניעה זמני במעמד צד אחד האוסר על המשיב 1 לבצע ...ת הפעולות כדלהלן:

1. לחתום על כל מסמך שהוא כמנהל במבקשת (להלן: "המבקשת ו/או החברה") וכן לעשות בפועל כל פעולה אחרת שהינה בסמכות מנהל החברה ו/או מורשה חתימה, לרבות איסור על חתימה על חוזים ו/או התקשרויות, בקשות שונות ו/או כל מסמך אחר כלשהו בשם החברה.
2. להוציא כספים בדרך כלשהי מהחברה ו/או הוצאת כספים בשם החברה.
3. לבצע כל פעולות בניה ו/או חפירה ו/או כל פעולה אחרת במקרקעין של החברה בכלל ובמקרקעין הידועים כגוש 6190 חלקה 360 המצויים ברחוב ישמח משה 19 בבני ברק, בפרט, אם בשמו ואם בשם מי מטעמו.

**דער שוידערליכע תביעה אין בית משפט הציוני און פארלאנג אויפן 'סטעי' אנטקעגן מוסדותינו הק'**

#2

נידון: ר' מענדל וואלערשטיין ור' משה חיים ווייס והנהלת מוסדות סאטמאר בארא פארק

בית דין מחייבים את שני הצדדים של מנין
הרה"ק ר' יואל בנוגע למוסדות [illegible] קהלת סאטמאר
בבני ברק להוציא את העניין ממערכאות ממשפטים
ולסדר את העניין [illegible] שני שבועות
מהיום ויסדרו את הפשרה. כל צד יבררו להם בורר וב'
שני הנבררים יבררו להם שליש ואם לא יבואו להסכמה
אז בית דין של העדה החרדית יקבעו בורר שליש והבורר
השליש יבררו עד שבוע אחד מזמן הנ"ל והבוררים יגמרו
יפסקו איך להתנהג להלאה בכל [illegible] העניינים
הנ"ל והפסק יהיה לפי הכרעת הנבררים והבורר של
העדה החרדית ויאשרו את הפסק. והפסק של הנבררים
[illegible] ואחר לא יאמר מחוץ [illegible]
ושני הצדדים יהיו [illegible] תעשה בכל העניינים [illegible]
ולהפסיק את כל התהליכים מיד.
[illegible] תשס"ו

משה שטרנבוך ראב"ד
מאיר ברנדסדורפער
אברהם יצחק אולמאן
נפתלי ה. פרענקל
יהושע ראזענבערגער
יעקב מענדל יאראוויטש
יצחק טובי' ווייס

בס"ד יום ה' לס' כי תבוא תשס"ו
כבוד מר וואלערשטיין שי'
הריני בזה ד' רשים [illegible] השדרה האחרונה
הנ"ל להפסיק את כל התהליכים מיד
יצחק טובי'

גאב"ד ירושלים ווענדט זיך פערזענליך צום הולך בערכאות ער זאל מקיים זיין די הוראת הביד"צ ארויסצוציען די תביעה פון ערכאות

**#3**


## מירון, בן-ציון ופריבס
עורכי דין ונוטריונים

## MIRON, BENSION & PRYWES
ADVOCATES & NOTARIES

רח' מונטיפיורי 33, תל אביב-יפו מיקוד 65201 33 MONTEFIORE ST., TEL - AVIV - JAFFA 65201
טלפון : 5606868 (03) : PHONE פקסימיליה : 972-3-5604466 : FAX
E-Mail: office@miron-law.co.il

| | |
|---|---|
| אליהו מירון (זנמירובסקי) ז"ל (1921-1999) | ELIAHU MIRON (1921-1999) |
| ישעיהו פריבס ז"ל (1928-1992) | ISIAH PRYWES (1928-1992) |
| יצחק מירון | ITZCHAK MIRON |
| מרדכי רז | MORDECHAY RAZ |
| עופר זמיר | OFER ZAMIR |
| מלכית מירון | MALKIT MIRON |
| עדו שפירא | IDO SHAPIRA |
| ישראל פוקס | YISRAEL FUCHS |
| דליה נוסבאום | DALIA NUSSBAUM |
| אוהד סקורניק | OHAD SKORNICK |
| ורד ראודור | VERED REUDOR |
| מירי כהנא-נויפלד | MIRI KHANA-NOYFELD |
| שירלי פרזאן | SHIRLY FARZAN |
| אלעד אלעזר | ELAD ELAZAR |
| מאירה ריינר-בן ציון | MEIRA RYNAR - BENSION |
| יעקב א. קנטור - יועץ | J. IVAN KANTOR - COUNSEL |
| יעקב כהן - יועץ | YAACOV COHEN - COUNSEL |


Tel Aviv 20/5/1010 תל אביב
ז' סיון תש"ע
Our Ref: 415038 : מספרנו
Our Doc: 923 : מס' מכתב

**לכבוד**
**רשם החברות**
**מר יהודה בץ, עו"ד**
**מרכז כלל**
**רח' יפו 97**
**ת.ד. 28178**
**ירושלים 91281**
ח.נ.,

הנדון : **חברת שכון קרית יואל בע"מ ח.פ. 510153034**

במענה לשאלתך בדבר הסיבה לעיכוב בדיווח על החלטת החברה בדבר שינוי סיווג המניות בחברה ושינוי תקנון החברה מדצמבר 2006, מסרו לי נציגי בעלי המניות כדלקמן :

1. כידוע, היו גורמים שניסו לחלוק על זהותם של בעלי המניות והדירקטורים החוקיים בחברה. גורמים אלו אף פנו לבית דין וקיבלו מעין צו מניעה האוסר ביצוע כל פעולה בחברה.

2. בעלי המניות בחברה אינם מכירים בתוקפו של צו זה, מאחר ולטענתם בית הדין לא מונה כדין לדון בסוגיה. עם זאת, ומפאת כבודו של בית הדין, ביקשו בעלי המניות שלא לפעול בפרהסיה כנגד החלטת בית הדין, ולכן התעכב הדיווח לרשם החברות אודות הפעולות שביצעו בחברה.

ב
יצחק מירון, עו"ד

משרד המשפטים
רשות התאגידים
רשם החברות והשותפויות
נתקבל
25 -05- 2010
ח.פ. ______
קוד מסמך ______
מכתב-415038/1-208 [illegible] שילוני

דער לויער פון די כת הולכים בערכאות שרייבט אין זייער נאמען אז זיי דערקענען נישט איין אין די הוראת הביד"צ

# די טאג-טעגליכע ליידן און שאדן אדאנק די סטעי פונעם געריכט

## שאדן פון הונדערטער טויזנטער דאלער פון די זאלן און האטעל

עס איז שווער און ווייטאגליך צו נעמען די פעדער אין די האנט אויסצורעכענען וואספארא שווערע געלטער ממון הקדש און כספי ציבור ווערן ליידער פארשווימען לטמיון רח"ל מדי חודש בחודשו, אדאנק די סטעי פון די געריכט וואס ליגט נאך היינט צו טאג אויף הנהלת מוסדותינו צוליב זייער רשעות'דיגן פארלאנג.

די גרעסטע שאדן זענען ליידער די ריזיגע הכנסות, די שכירות געלט פון די זאלן און האטעלן וועלכע באטרעפן לויט די היינטיגע פרייזן די ריזיגע סכום פון ארום 70.000 $ אַ יעדן חודש באזונדער! דאס מיינט צו זאגן אז וויבאלד די זאלן און די האטעל - וועלכע זענען געבויט געווארן פון כספי הקדש מיטן ציהל צו העלפן דעקן דעם מאנאטליכע בודזשעט פון די מוסדות - ליגן אין געגנב'טע הענט, ווערט יעדע חודש געשאפן פאר די הנהלת המוסדות אַ דעפיציט פון דעם ריזיגן סכום, און דאס איז נישט איין חודש אדער איין יאהר, מ'רעדט שוין פון עטליכע יאהר וואס די גניבה גייט אזוי אן לאור השמש און האט שוין עספעיט צו אריינבייסן און שאפן אַ ריזן לאך אין די קאסע פון די מוסדות.

## דאס ביסן פון מויל פון די כלי קודש ווערט ליידער באגזל'ט

ווער זענען נעבעך די מערסטע באטרעפנדע פון אט די גניבה וגזילה ? די חשוב'ע איינגעשטעלטע מחנכים און מחנכות וועלכע גיבן זיך אפ בלב ונפש צו מחנך זיין די חניכי המוסדות אויפן דרך ישראל סבא מיט מסירות נפש ממש, אט די כלי קודש ליידן זיך אפ שווערע און ביטערע טעג וויבאלד די הנהלת המוסדות קען זיי נישט באצאלן צייטליך זייערע געהעלטער, די איינגעשטעלטע וויינען און שרייען ס'קומט שבתים און ימים טובים און זיי האבן נישט מיט וואס איינצוקויפן, די גראסערי'ס זענען שוין נישט גרייט צו געבן אזוי פיהל צייט אויף בארג, די גמילות חסד קאסעס פון שטאט ווילן שוין נישט צום באדויערן בארגן פאר די סאטמארער איינגעשטעלטע וועלכע האבן נישט פון וואו צו באצאלן, אזוי אז זייער ווייטאג איז אומדערטרעגליך, וויבאלד די געלט דערפאר איז דא, ס'איז בנמצא עס קומט אריין פון די זאלן און האטעל, אבער ליידער ווערט דאס צוגעכאפט פון זיי בגניבה ובגזילה, דאס ביסן פון מויל פון זיי און זייערע הויז געזונד ווערט פון זיי אוועקגעשלעפט יעדן חודש באזונדער ה' ירחם.

## אינגעלייט זינקען אין חובות צוליב איבעריגע רענט

אויב איז די שאדן פון די מלמדים און כלי קודש נישט גענוג ווייטאגליך, קומט נאך צו די ריזיגע געלט שאדן וואס די סטעי פונעם געריכט האט שוין געשאפן בעבר ובהוה פאר צענדליגע אינגעלייט פון אנ"ש וועלכע האבן נאכנישט קיין דירות צום וואוינען אוןווארטן בכליון עינים אויף די פארבליבענע דירות אין שיכון קרית יואל, זיי ווארפן ארויס מיט ווייטאג יעדן חודש שווערע אפגעשפארטע און געבארגטע געלטער צו קענען דעקן זייערע הויכע רענט וועלכע שניידט אריין אין זייער לעבן און לאזט זיי נישט קיין מנוחה און שלוות הנפש ה"י.

## די מוסדות איז באגרעניצט צו מרחיב זיין גבולי הקדושה

און צוגאב צו די געלט שאדנ'ס פונעם ציבור און פון יחידים וואס ווערט געשאפן דורך דעם סטעי ווי אויבנדערמאנט, איז ליידער הנהלת מוסדותינו אויך באגרעניצט מיט די הרחבת גבולי הקדושה, וויבאלד די סטעי לויט נישט איינגעבן קיין פארלאנגען אויף פערמיט'ס וכדו' מוז מען זיך מוטשען און פלאגן, נישט קענענדיג געהעריג צובויען און אויסברייטערן די פארצוויגטע בניני המוסדות לויט די דרינגענדע פארלאנג פון די ריבוי התלמידים בליעה"ר.

# הרשעים כים נגרשו השקט לא יוכלו

## מסירות און מלשינות אויף יעדן טריט און שריט

אויב מיינט מען אז מיט די ביטערע סטעי פונעם געריכט וואס זיי האבן ארויפגעפאדערט אויף הנהלת מוסדותינו - מיט אלע שאדנ'ס און שוועריגקייטן וואס קומט דערמיט - האבן זיי זיך באגענוגט און זיך אפגעשטעלט ביי דעם, איז ליידער די טעות זייער גרויס.

די טרויעריגע כת וועלכע האבן אויסגערופן אַ מלחמת חרמה אנטקעגן כל הקדוש לנו הי"ת, שטילן נישט זייער בלוטיגע דארשט און באגענוגן זיך גארנישט מיט די אלע אויבנדערמאנטע ליידנ'ס און שאדנ'ס, זיי זענען פארנומען השכם וערב צו נאכקוקן יעדע מינדעסטע שינוי וואס די הנהלת המוסדות מאכט אין איינע פון די בניני המוסדות, און ווי נאר זיי מערקן עפעס לויפן זיי גליך דאס פאר'מסר'ן פאר די שטאט-ראט, עס איז שוין היינט צו טאג ליידער נישט קיין חידוש אין מוסדותינו הק' ווען מ'זעהט פלוצלינג ווי עס לאזן זיך אראפ אינמיטן העלן טאג די אינספעקטאר'ס פון די שטאט און קוקן איבער בחורין ובסדקין צו אלעס איז גועזצליך א.א.וו.

ביי יעדע מסיבה של מצוה אדער שמחה וכדו' וואס קומט פאר בהיכל בית מדרשינו מיט די באטייליגונג פונעם ציבור אנ"ש קהל עדתינו, איז מען ליידער שוין געוואוינט אז די פאליס קומט אריין אין שיכון און גיבן איבער אז די (א.ג. סאטמאר'ע) שכנים קאלן זיי מיט בייזע מסירות און רעדן זיך אפ וויגליך די דרשות אדער מיוזיק שטערט זיי אין די שטובער.

אונזערע קליינע תשב"ר שלא טעמו טעם חטא זענען שוין באקאנט היינט צו טאג אז די פאליס זענען אפטע געסט ביי אונז אין די שיכון, מ'קוקט נאר יעדעס מאל מיט נייגער און אנגסט ועמען האבן זיי יעצט פאר'מסר'ט, און דאס איז אַ ביטערע ערשיינונג וואס גייט שוין אן אזוי עטליכע יאהר אן קיין אויפהער.

## מסירות אנטקעגן די נייע היכל הלימוד בבית מדרשינו

אזוי אויך פארגאנגענעם ווינטער ווען הנהלת מוסדותינו האט צוגעבויט אַ שיינעם פליגל צום ביהמ"ד אין שיכון, און דארט אהער געשטעלט דעם שיינעם פראכטפולן היכל הלימוד "אהל משה אריה", איז מען אויך געפלאגט געווארן אין לויף פון די גאנצע צייט ביים בויען פון מערערע מסירות ומלשינות וואס די כת התובעים בערכאות האבן טאג טעגליך איינגעגעבן אין די שטאט, און מערערע מאל זענען די אינספעקטאר'ס געקומען באזוכן אינמיטן די עבודת הקודש, און ממש מיט חסדים האט מען זיך געשטארקט איבער אלע שטרויכלונגען און זוכה געווען צו זעהן דעם היכל שטיין על תילה בנויה לשם ולתפארת **[זעה בייגעלייגט דאקומענטן נומ. 4]**.

## אכזריות'דיגע קאמף אנטקעגן די נייע שמחות זאל און קלאס-צימערן

אויב זענען די אלע מסירות און הלשנות גוט אויף אנצוזייען שרעק און קאפ ווייטאג אויף יעדן טריט, איז אבער פיהל ארגער די אכזריות'דיגן קאמף באגלייט מיט פרעכע מסירות וואס די שליחי הכת פיהרן אן אנטקעגן די קליינע שמחות-זאל פון מוסדותינו הק', און אנטקעגן די ניי-געבויטע קלאס-צימערן פון די סעמינאר פאר די עלטערע תלמידות פונעם בית חינוך לבנות.

אט די שמחות זאל איז געבויט געווארן מיט עטליכע יאהר צוריק מיטן ציהל צו העלפן פאר אנ"ש צו אפרעכטן דארט זייערע שמחות בר מצווה, שבע ברכות וכדו' אויף אַ ביליגע אופן, און גלייכצייטיג אריינברענגען אַ שטיקל הכנסה פאר די קאסע פון די מוסדות, ווי אויך די קלאס-צימערן זענען לעצטנ'ס צוגעבויט געווארן צו קענען נאכקומען די פארלאנג פון די פארמערטע תלמידות פון די סעמינאר וועלכע האבן נישט וואו צו לערנען.

ליידער ישראל כשהן יורדין יורדין עד למטה... די רשעים אויס מורא אפשר וועט די קליינע הכנסה פון די זאל עפעס העלפן פאר די מוסדות, און אפשר וועלן די תלמידות פונעם בית חינוך אביסל אפאטעמען פון זייער געדרענג, דעריבער פארלייגן זיי שווערע כוחות און מעטאדן דאס צו צושפארן ה"י, זיי האבן אין אַ תקופה פון עטליכע מאנאטן באלאגערט די העכערע אינסטאנצן (משרד מבקר המדינה) מיט בריוון אוןווארענונגען אנטקעגן די שטאט-ראט באגלייט מיט סטראשונגען פון געדונגענע לויער'ס, ביז זיי האבן באוויזן צו לייגן אויף זיי דרוק און די שטאט-ראט איז געווען געצווינגען צו רופן אין געריכט הנהלת מוסדותינו פאר'ן בויען די זאל און די קלאס-צימערן נישט געזעצליך **[זעה בייגעלייגט דאקומענטן נומ. 5 און נומ. 6]**.

#4

LOCAL BULDING & TOWN
PLANING COMMISSION
BNEI-BRAK

הועדה המקומית
לתכנון ובנין ערים
בני-ברק

TEL. 03-5776115/31 FAX. 03-577653 P.O.B. 2

טל. 03-5776115/315 פקס. 03-5776537, ת.ד. 2

עיריית בני-ברק

בס"ד

# צו הפסקה מנהלי

אל: בעלים ו/או משתמשים ו/או קבלן מבצע
ו/או כל האחראים לביצוע העבודות

הואיל ויש לח"מ יסוד להניח על חלקה 234, 1088 בגוש 6190
ברחוב ________ מבצעים עבודת בניה בלי היתר לפי חוק התכנון
והבניה תשכ"ה 1965 (להלן "החוק") ו/או בסטיה מהיתר או מתוכנית בכך ש:

הנכם נדרשים להפסיק ומייד בכל העבודות המתבצעות במקום; לפעול לקבלת היתר
ו/או להשיב המצב לקדמותו

והואיל והנך בעל ההיתר לביצוע עבודת הבניה או השימוש במקרקעין ו/או שמוטלת עליו
חובה להשיג היתר בניה מכח החוק או תקנה על פיו ו/או בעל המקרקעין בשעת ביצוע העבירה ו/או
מי שהוחזק כבעלים של המקרקעין בשעת ביצוע העבירה ו/או אחד הבעלים של שותפות על המקרקעין
ו/או המבצע בפועל את העבודה ו/או המשתמש בפועל במקרקעין ו/או האחראי לעבודה או לשימוש.
לפיכך הינך, וכל אדם העובד בשירותך, נדרש בזה להפסיק מיד את הבניה שנעשתה ללא
היתר או בסטיה מהיתר או מתכנית.

הנני להפנות את תשומת לבך להוראות סעיף 236 לחוק לפיהן רשאי כל מי שרואה עצמו נפגע על ידי
צו זה להגיש לבית המשפט המוסמך לדון העבירה שבגללה ניתן הצו, בקשה לביטול הצו.

תאריך: 23/10/10

ארכי' ישראל קשטן
מהנדס העיר
ומזכיר הועדה המקומית

יו"ר הועדה המקומית
לתכנון ובניה בני-ברק

מהנדס העיר
בני-ברק

אני הח"מ ________ מאשר בזה כי ביום 24/10/10 בשעה 12:20
מסרתי צו זה לידי ________ כאשר מצב הבניה ________

חתימת המקבל ________ חתימת המוסר ________

הנך מוזמן/ת לשימוע במשרדי הפיקוח על הבניה ביום 2/1/11 בשעה 10:00

**די שטאט-ראט שטעלט צייטווייליג אפ דאס פארברייטערן דאס ביהמ"ד צוליב די מסירה פונעם כת הולכים בערכאות**

**#5**

תיק פלילי מס׳ 11/99/07 תא
בגוש 6190 חלקה 1129

**בית משפט לעניינים מקומיים**
**בני ברק , ברוך הירש 14-18**

**המאשימה: מדינת ישראל**
ע״י נציג היועץ המשפטי לממשלה
עו״ד יהושע דה-האן
רח׳ ירושלים 58 בני ברק
ט״ל 03/5776588 פקס׳ 03/5776283

- נגד -

**הנאשמים:** 1. מרכז מוסדות סאטמר בע״מ ח.פ. 51-387093-1
מרח׳ תובל 30 רמת גן 52522 ע״י יוסף יצחק ת.ז. 050201789
2. יוסף יצחק ת.ז. 050201789
מרח׳ ישמח משה 13 בני ברק
3. עמותת מרכז מוסדות סאטמר בני ברק מ.ע. 58-029108-6
מרח׳ ישמח משה 22 בני ברק 51531 ע״י ויס משה חיים ת.ז. 07604832
4. ויס משה חיים ת.ז. 07604832
מרח׳ ישמח משה 26, בני ברק

## כתב אישום

**א. העובדות**

1. בתאריך 08/05/07 או בסמוך לכך ביצעו הנאשמים עבודות בניה ללא היתר ובניגוד להיתר ובסטיה ובניגוד לתוכנית ועושים שימוש ללא היתר ובניגוד להיתר ובסטיה ובניגוד לתוכנית וללא שיהיה בידם אישור לכך מהועדה המקומית לתכנון ובניה בני ברק.
**להלן העבודה והשימוש:**
**בקומת הקרקע :**
**1. תחמו שטח של כ- 250 מ״ר והפכו את המקום לאולם שמחות ע״י הריסת קירות פנימיים ובניית מטבח ומשרדים בשטח שהיה על פי התר הבניה חלק מדירת נכה, ומועדון קשישים.**
**2. עושים במקום שמוש לאולם ארועים ללא התר לשימוש הנ״ל.**
**הכול כנראה בתשריט המצורף לכתב אישום זה כחלק בלתי נפרד הימנו.**

2. העבודה והשימוש הנ״ל בוצעו בגוש 6190 חלקה 1129 **בכתובת קדושת יום טוב 8.**

3. העבודה והשימוש הנ״ל טעונים היתר לפי חוק התכנון והבניה תשכ״ה 1965. תקנות התכנון והבניה ועבודה ושימוש הטעונות היתר, התשכ״ז 1967.

**ב. הוראות החיקוק לפיהן מואשמים הנאשמים:**
ביצוע עבודה ושימוש ללא היתר, ובניגוד להיתר ובסטיה ובניגוד לתוכנית עבירה על סעיפים 145 ,204(א), 204 (ב) ו-208 ו - 253 לחוק התכנון והבניה, התשכ״ה - 1965.

**ג. אחריותם של הנאשמים לביצוע הנ״ל נובעת מהיותם:**
**נאשמות 1 ו-3 :** החברה והעמותה המפעילות את המקום/ מי שמוטלת עליהם החובה להשיג היתר/הבעלים של הקרקע בשעת ביצוע העבודה/מי שהוחזקו כבעלים של המקרקעין בשעת ביצוע העבירה/המחזיקים במקרקעין - בשעת ביצוע העבירה/מי שבצעו בפועל את העבירה / המשתמשים בפועל במקרקעין.
**נאשם מס׳ 2 :** מנהל ובעלים של הנאשמת 1
**נאשם מס׳ 4 :** מנהל הנאשמת 3

**ד. עדי התביעה:** (מפקחי בניה) *אבי סלסי, *תמיר עמר, * פטריק ויצמן, *אסי ואקנין, *איליה מאקסיוטה, *אודי עובד.

התובע / נציג היועץ המשפטי לממשלה

K:\m9\archiv\ib\16\747.doc

**די שטאט-ראט רופט הנהלת מוסדותינו אין געריכט וועגן די זאל "שמחת תשמח" צוליב די אכזריות'דיגע פרעשע פונעם כת הולכים בערכאות**

#6

מספר תיק פיקוח: 20070207

**בית משפט לעניינים מקומיים**
**בני ברק, ברוך הירש 14-18**

**תיק פלילי מס' 11/**
**בגוש 6190**
**חלקה 1128**

בית המשפט לעניינים מקומיים
בני ברק
10-11-2011
נתקבל

**המאשימה: הוועדה המקומית לתכנון ובניה בני ברק**
**ע"י עו"ד אריאל יונגר**
**עפ"י יפוי כח מאת היועץ המשפטי לממשלה**
**ברוך הירש 14-18 בני ברק.**
**טל' 03/5776514 פקס' 03/5776202**

**- נגד -**

**הנאשמים: 1. מרכז מוסדות סאטמר בע"מ ח.פ. 513870931**
**2. משה חיים וייס ת.ז. 7601183 מרח' ישמח משה 26 בני ברק.**

## כתב אישום

1. **פרט 1**

**א. העובדות**

1. בין התאריך 05/09/11 לבין התאריך 25/10/11 או בסמוך לכך ביצעו הנאשמים עבודות בניה ללא היתר ובניגוד להיתר ובסטיה מתוכנית ובניגוד לתוכנית ועושים שימוש ללא היתר ובניגוד להיתר ובסטיה מתוכנית ובניגוד לתוכנית וללא שיהיה בידם אישור לכך מהוועדה המקומית לתכנון ובניה בני ברק.

**להלן העבודה:**

מבצעים עבודות בניה בכל הצד המזרחי של קומת המרתף העליון לצורך שינוי יעוד הקומה מחניה לרכבים לכיתות לימוד (סמינר לבנות). השטח הכולל שניתחם הינו כ-300 מ"ר ועבודות הבניה כוללות בניית קירות בלוקים באורך כולל של כ- 40 מ"א ולגובה של כ- 3 מ' וכן התקנת דלת פלדלת כפולה בכניסה לקומה מצד דרום וכן התקנת חלונות מעל מעקה קיים לכל אורך הצד המזרחי של הקומה. הבניה מסומנת בקווים ירוקים תחומים בכתום בהתאם לתשריט קומת מרתף עליון המצ"ב.

כנראה בתשריט המצורף לכתב אישום זה כחלק בלתי נפרד הימנו.

**להלן השימוש:**

בתאריך 25/10/11 ביקר המפקח על הבניה במקום ומצא כי המקום מאוכלס ומשמש לכיתות לימוד.

2. העבודה והשימוש הנ"ל בוצעו בגוש 6190 חלקה 1128 בכתובת ישמח משה 27 להלן - "המקרקעין".

3. העבודה והשימוש הנ"ל טעונים היתר לפי חוק התכנון והבניה תשכ"ה 1965. תקנות התכנון והבניה ועבודה ושימוש הטעונות היתר, התשכ"ז 1967.

## די חילול ה' איז איום ונורא

ווי ערשטוינט זענען מיר געווען ביי איינע פון די זיצונגען פון הנהלת מוסדותינו מיט די שטאט-ראט, ווען איינער פון די שטאטישע טאטעס (זייער ווייט פון די היימישע קרייזן) האט זיך אנגערופן מיט באדויער "ענק האבן נישט קיין אהנונג וויפיל מסירות און קאפ ווייטאג מ'וויל ענק פארשאפן טאג טעגליך אויף יעדן טריט און שריט", דערנאך האט ער זיך צושריגן מיט שאק און שטוינונג "די מוסרים און מלשינים מיט זייערע בייזע כוונות און פעולות כגרועים שבאומות, דערמאנען ליידער די מעשיות וואס מ'הערט פון די אמאליגע שלעכטע גוי'שע שכנים וועלכע האבן נישט געקענט זעהן ווי די אידן פארמערן זיך", קאמענטארן זענען איבעריג.

## ווער שטייט אונטער דאס אלעס ???

אויב האט נאך איינער געהאט אַ צל של ספק בשל מי הרעה הזאת, און ווען געוואלט זיך איבערצייגן אז טאקע אט די כת תובעים בערכאות שטייען אונטער די דערמאנטע מסירות אין די שטאט-ראט, איז פאריגן חודש (פאר ווען ס'איז פארגעקומען איינע פון די אויבנדערמאנטע זיצונגען אין געריכט פון די שטאט-ראט אנטקעגן הנהלת מוסדותינו), האט איינער פון זייערע פינסטערע עלעמענטן אַ שכיר חרב פון יענעם כת - זיך געוואנדן צום שופט אין נאמען פון זייער צייטונג "דער איד" און פארלאנגט איהם צו געבן די מעגליכקייט נאכצוקוקן די געריכטליכע פראצעדור איבער די זאל און די קלאס-צימערן, זיין נידערטרעכטיגע כוונה איז זייער קלאר, צו לייגן דרוק און פרעשע אויפן שופט ער זאל זיך רעכענען מיט די צייטונג וואס קוקט איהם נאך זיינע באשליסונגען איבער די עבירות פון הנהלת מוסדותינו הק' מיטן בויען די זאל און די קלאס צימערן אומגעזעצליך **[זעה בייגעלייגט דאקומענטן נומ. 7 און נומ. 8]**.

# סוף דבר:

**אצינד בלייבט אונז נאר אויסצורופן פאר אחינו בני ישראל אחים לצרה און אחים לדעה, מאויבי תחכמני! מיר וועלן אויך בעזהשי"ת נישט מיד ווערן ווייטער צו ארייגלייגן אונזער קאפ און מח צו מרחיב זיין גבולי הקדושה און נישט זיך אפשטעלן ח"ו פאר קיין שום שוועריגקייט שבעולם.**

**אבער אליכם נשואות עינינו, מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ בקשה ווער עס האט נאר אַ מינדעסטע מעגליכקייט צו האבן אַ השפעה אויף די מנהיגים און ראשים פון יענעם כת, זאל טוהן אלע מעגליכקייטן זיי זאלן אראפנעמען זייערע ידי רשע פון אונזערע הייליגע מוסדות, זיי זאלן שוין אויפהערן מיט די גניבת וגזילת כספי הקדש, זיי זאלן שוין אויפהערן מיט די גניבת וגזילת פת לחמם פון די כלי קודש, זיי זאלן שוין אויפהערן מיט די מסירות ומלשינות אנטקעגן מוסדותינו הק', ואין דבר העומד בפני התשובה.**

#7

ב"ה

08/05/12

לכבוד

**בית המשפט לענינים מקומיים**

**בני ברק**

בית המשפט לעניינים מקומיים
בני ברק
09-05-2012
נתקבל

**הנידון: אישור עיון תפ 1199/08 ו- 1242/08**

א. בקשה זו מוגשת בהתאם לתקנות בית המשפט ובתי הדין לעבודה (עיון בתיקים) תשס"ג- 2003. תקנה 4 לתקנות עיון בתיקים.

ב. בהמשך לתחקיר שאני עורך כעת בעניין עבירות בנייה ברחוב קדושת יו"ט 8-10 בבני ברק, נדרשת לי פרטים מדויקים, מתיק הנ"ל.

ג. לצורך התחקיר דרוש לי עותק מכתבי האישום שהוגשה נגד הנאשמים, הפרוטוקולים של הדיונים בבית המשפט, וההחלטות שנתקבלו.

ד. אציין בזאת כי בתאריך 29.3.12 התיר ביהמ"ש למבקש לצלם את תיק (תפ 1970/11), אשר עניינה גם עבירות בנייה באותו רחוב קדושת יו"ט, והנאשמים הם אותם נאשמים המואשמים בתיקים דנן.

ג. לאור זאת מתבקש מביהמ"ש הנכבד להיעתר לבקשה זו.

**יצחק וויס**
עתון "דער איד"
עיתונאי מס' 21242
ת"ז 038611745
רח' בר אילן 30 ירושלים
054-8419229

יעקב שקד – שופט
10-05-2012
ביהמ"ש לעניינים מקומיים
בני-ברק

**נידערטרעכטיגער שליח לדבר עבירה אין נאמען פון "דער איד" לייגט דרוק אויפן שופט איבער די זאל**

#8

22/0 /12

כבוד

בית המשפט לעניינים מקומיים
בני ברק
23-02-2012
נתקבל

בית המשפט לענינים מקומיים בני ברק

**כבוד השופט צחי עוזיאל**

הנידון: <u>תפ 1970/11 עבירת בניה ברחוב קדושת יו"ט 10 בני ברק</u>

א. בתור עבודתי העיתונאית קבלתי מידע על עבירת בנייה ברחוב הנ"ל ובכדי להשלים את הכתבה בעתון עם כל הפרטים המדוייקים, אני זקוק לעותק מכתב האישום שהוגש, עם פרטי העבירה ופרוטוקול הדיון בבית המשפט, וההחלטות שנתקבלו.

ב. לא אוכל למלא את תפקידי כעתונאי מבלי לדעת את כל הפרטים, כי אחרת לא אוכל לפרסמו.

ג. מחכה להחלטה מהירה מכבוד בית המשפט

יצחק וויס

עתון "דער איד"

עיתונאי מס' 2124

ת"ז 0386 1745

רח' בר איל‍ן 30 ירושלים

054- 419229

החלטה

עוזיאל צחי - שופט
23-02-2012
בימ"ש לעניינים מקומיים
בני-ברק

02/502/806

**נידערטרעכטיגער שליח לדבר עבירה אין נאמען פון "דער איד" לייגט דרוק אויפן שופט איבער די נייע קלאס**